**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/23/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL מעלדט 2024 אלס מעטרא-נארט רעילראוד'ס שטערקסטע יאר ביז אהער פאר רעקארד צייטליכע אנפירונג**

***צייטליכע אנפירונג רעקארד שטייגט איבער 98 פראצענט, און טוט ווייטער פארבלייבן איבער 97 פראצענט פאר די פיפטע יאר אין א רייע***

***פארשפעטיגונגען זענען אראפ 35 פראצענט אין צוגלייך צו 2023, אפילו מיט די אנגייענדע Park Avenue Viaduct איבערבוי***

***מעטרא-נארט ציטירט אגענטור-ברייטע פאקוס אויף זיכערהייט, ווירקזאמקייט, פארלעסליכקייט און אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען אלס די סיבות וואס האבן צוגעברענגט די רעקארד-ברעכנדע יאר***

***גאווערנער Hochul שלאגט פאר א ריזיגע אינוועסטירונג פון 25 מיליאן דאלאר פאר האדסאן וועלי באן סערוויס אלס טייל פון די 2026 עקזעקיוטיוו בודזשעט; פאקוסירט אויף פארשנעלערן רייזע צייט און פארבעסערן סערוויס פארלעסליכקייט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז די מעטרעפאליטין טראנספארטאציע אויטאריטעט'ס מעטרא-נארט רעילראוד האט געהאט איר שטערקסטע יאר אין 2024, זינט מעטרא-נארט איז געגרינדעט געווארן אין 1983. די רעילראוד'ס צייטליכע אנפירונג האט דערגרייכט איר העכסטע פונקט אין 2024, איבערשטייגנדיג 98 פראצענט און טוט שטארק אפצייכענען די פיפטע נאכאנאנדע יאר וואס איר צייטליכע אנפירונג איז געווען העכער ווי 97 פראצענט. אויף אלע דריי פון אירע ליניעס מזרח פון די האדסאן ריווער, האט מעטרא-נארט אפערירט מער ווי 98 פראצענט פון אירע באנען אין צייט - האדסאן ליניע'ס צייטליכע אנפירונג איז געווען 98.7 פראצענט; הארלעם ליניע איז געווען 98.3 פראצענט און די ניו העיווען ליניע איז געווען 98.2 פראצענט. גאווערנער Hochul (האקול) איז פארשפראכן צו פארבעסערן סערוויס און ארומפירן רייזנדע, וועלכע איז די סיבה פארוואס זי האט פארגעשלאגן ריזיגע אינוועסטירונגען צו די האדסאן וועלי'ס באן סערוויס און ארויסגעברענגט 8 ביליאן דאלאר אין סטעיט אפערירונג הילף צו די MTA אין די פיסקעל יאר 2026.

"פובליק טראנספארטאציע איז א הויפט טייל פון אן אפערירנדע סיטי, און מעטרא-נארט איז א ביישפיל פון וויאזוי געבן פארלעסליכע סערוויס פאר רייזנדע יעדע איינציגסטע טאג קען פירן צו רעקארד אנפירונג — דאס איז וואס מיר דארפן," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך בין פארשפראכן פאראויסצושטופן אונזער טראנזיט סיסטעם פאר רייזנדע, כדי מיר זאלן קענען צושטעלן אויסגעצייכנטע סערוויס און העלפן ניו יארק זיך באוועגן."

**MTA טשעיר און CEO Janno Lieber (יאנאו ליעבער) האט געזאגט,** "מעטרא-נארט'ס 2024 אנפירונג שטעלט די סטאנדארט פאר די נייע MTA - שנעלע, זיכערע און מער פארלעסליכע סערוויס ווי

סיי ווען. קודאס צו די גאנצע טיעם פאר'ן הייבן די שטאפל בשעת'ן ארויסברענגען קריטישע פראיעקטן וועלכע וועלן באשיצן די סיסטעם פאר צענדליגע יארן וואס קומען."

**מעטרא-נארט רעילראוד פרעזידענט Catherine Rinaldi (קאטערין רינאלדי) האט געזאגט,** "איך בין אזוי שטאלץ פון די אויסנאמע ארבעט וואס יעדער ביי מעטרא-נארט טוט צו העלפן באנען זיך באוועגן יעדן טאג פון די וואך. פובליק טראנספארטאציע איז די בעסטע, זיכערסטע און ריינסטע וועג צו רייזן דורכאויס די ראיאן און ווען מענטשן ווייסן אז זיי קענען ארויפשטייגן אויף א ריינע, באקוועמע באן וואס ברענגט זיי צייטליך צו זייער דעסטינאציע וועלן זיי האלטן אין איין צוריקקומען."

**אינוועסטירן אין האדסאן וועלי רעיל סערוויס**
אלס טייל פון איר 2025 סטעיט און די סטעיט, האט גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פארגעשלאגן אינוועסטירונגען אין האדסאן וועלי רעיל סערוויס וואס וועט פארמערן קאפאציטעט, פארמינערן פארשפעטיגונגען, פארבעסערן זיכערהייט און שניידן מעגליכע רייזע צייטן מיט ביז 15 מינוט יעדע וועג פאר געוויסע רייזעס. די פארשלאג וועט אויך שניידן "סופער-עקספרעס" מעטרא-נארט האדסאן ליניע רייזעס צו וויניגער ווי 90 מינוט. גאווערנער Hochul (האקול) האט אויך ארויסגעברענגט 25 מיליאן דאלאר אין די 2026 עקזעקיוטיוו בודזשעט — די פארשלאג נעמט אריין פלאנירן, אפשאצן און אויסשטעלן פאר א סעט פון רעיל אינפראסטרוקטור קאפיטאל פארבעסערונגען צווישן ניו יארק סיטי און פאוקיפסי, אריינרעכנענדיג פראיעקטן אזויווי א צווייטע טרעק אין ספויטען דוויוויל (Spuyten Duyvil), אינטערלאקינג, אנווייזן און טרעקארבעט אין קראטאן הארמאן (Croton Harmon), און קאפאציטעט פארבעסערונגען אין פאוגקיפסי יארד (Poughkeepsie Yard).

די מעלדונג בויט אויף גרויסע ראיאנישע רעיל אינוועסטירונגען צוגעשטעלט דורכאויס גאווארנער Hochul's (האקול'ס) טערמין, אריינרעכנענדיג די צושטעלונג פון די LIRR דריטע טרעק ( LIRR Third Track) און די היסטארישע עפענונג פון גרענד צענטראל מאדיסאן, וואס האט געברענגט נייע רייזע געלעגנהייטן אויף די LIRR, פארבעסערט ניו יארק'ס ראיאנישע פארבינדונג און פארברייטערט סערוויס מיט 40 פראצענט.

**רייזערשאפט רעקארדס**
מעטרא-נארט האט אויך געזען רייזערשאפט פארזעצן איר שטארקע נאך-COVID ערהוילונג מיט א 12.1 פראצענט העכערונג פון 2023 (60,141,495) ביז 2024 (67,389,907). אקטאבער איז געווען די מערסט ווירקזאמע רייזערשאפט מאנאט פון די נאך-פאנדעמיע צייט-אפשניט מיט 6,548,501 רייזנדע — א 16.2 פראצענט העכערונג פון אקטאבער 2023 (5,637,482).

5 **העכסטע מיטן-וואך רייזערשאפט טעג אין 2024 - מזרח פון די האדסאן**

| | | | |
|---|---|---|---|
| דינסטאג | 10/29/2024 | 249,585 | העכסטע רייזערשאפט זייט די פאנדעמיע |
| דינסטאג | 10/15/2024 | 249, 266 | צווייטע העכסטע מיטן-וואך טאג |
| מיטוואך | 10/30/2024 | 246,035 | דריטע העכסטע מיטן-וואך טאג |
| מיטוואך | 11/27/2024 | 243,529 | פערדע העכסטע מיטן-וואך טאג |
| דינסטאג | 6/18/2024 | 242,116 | פיפטע העכסטע מיטן-וואך טאג |

**העכסטע שבת און זונטאג רייזערשאפט אין 2024**

| | | |
|---|---|---|
| שבת | 12/14/2024 | 159,083 |
| זונטאג | 11/3/2024 | 123,028 |

**סערוויס פראיעקטן און פארברייטערונגען**

די סערוויס אנפירונג רעקארד נומערן עררייכט אין 2024 זענען ערפילט געווארן אפילו ווען MTA אויפבוי און אנטוויקלונג האבן איבערגעזען די ערזעצונג פון מערערע אפטיילונגען פון די Park Avenue Viaduct — די צוויי-מייל לאנג אויפגעהויבענע אייזענע סטרוקטור וועלכע טראגט פיר מעטרא-נארט רעילראוד שינעס צווישן 97'טע גאס און די הארלעם ריווער אויפהויב בריק, און דינט אלע מעטרא-נארט באנען וועלכע רייזען אריין און ארויס פון גרענד צענטראל טערמינאל, וועלכע קומט אויס צו א סך הכל פון 750 באנען יעדע מיטן-וואך טאג.

די מעטרא-נארט פען סטאנציע צוטריט פראיעקט גייט ווייטער פאראויס מיט באדייטענדע פארשריט. איינווארפעריי און בויעריי אקטיוויטעטן גייען אן ביי דעם פראיעקט'ס פיר בריק פלעצער, אריינגערעכנט דאס אויפבוי פון צוויי נייע שפאנען ביי די Bronxdale Avenue Bridge אין פארקטשעסטער. שטאב טוען אונטערזוכן סיגנאלן ביי פלעצער נעבן האנטס פוינט, און זיי גייען פאראויס מיט סטאנציע אריינגאנג גרונטן ביי יעדע פון די פראיעקטן'ס פיר נייע סטאנציעס: האנטס פוינט, פארקטשעסטער/וואן נעסט, מאריס פארק און קא-אפ סיטי.

מעטרא-נארט קאסטומערס וועלן הנאה האבן פון א טרענספער-אומזיסטע רייזע צווישן פען סטאנציע, וועסטשעסטער און קאנעטיקעט ווען פארטיג, און פיר נייע גענצליך צוטריטליכע סטאנציעס אין די בראנקס, און ערנסטע פארמינערונג אין רייזע צייטן צווישן די בראנקס און מאנהעטען.

אויך אין 2024, האט די MTA געמאכט דריי סטאנציעס אויף די הארלעם ליניע גענצליך צוטריטליך פאר אלע אין איינקלאנג מיט די אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס אקט ( ,Americans with Disabilities Act ADA): סקארסדעיל, הארטסדעיל און פורדי'ס. בויענדיג אויף די סוקסעס, טוט די MTA אצינד זיך רוקן פאראויס מיט צוטריטליכקייט אפגרעידס ביי דריי מעטרא-נארט סטאנציעס וועלכע געפונען זיך אין די בראנקס. גענצליך נייע סטאנציע פלאטפארמען, איינריכטונגען, און צוויי נייע עלעוועיטארס וועלן ווערן אריינגעלייגט ביי וויליאמס בריק און וואדלאון. באטעניקאל גארדען סטאנציע וועט ווערן איבערגעמאכט, און די סטאנציע עלעוועיטארס וועלן ווערן פארבעסערט.

**שטארקייט**
איינע פון די גרעסטע שטערונגען צו מעטרא-נארט'ס סערוויס פארלעסליכקייט איז איר עמפינדליכקייט צו שטורעמס וועלכע ווערט פאראורזאכט דורך קלימאטן טויש. די רעילראוד איז אויסגעשטעלט צו וועטער ביי פלעצער דורכאויס די סיסטעם, און אין 2024, האבן שטאב דורכגעבראכן געוויסע פון די הויפט געביטן פון זארג. אין געריסאן (Garrison), וואו די טרעקס לענגאויס די האדסאן ריווער זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונג, האט דער טיעם אויפגעהויבן די שינעס איבער 20 אינטשעס פון איר נידריגסטן פונקט.

די מעטרא-נארט האט נישט געהאט סיי וועלכע באן פארשפעטיגונג פון פארפלייצונגען אין דעם געגנט, זינט די ארבעט איז פערטיג געווארן. נאך א פראבלעמאטישע געגנט פאר פארפלייצונג איז געווען אויף די אפפער הארלעם ליניע. שטאב האבן אויפגעהויבן א סיגנאל הויז מער ווי פיר פיס, אויפהויבנדיג קריטישע סירקיוטס ארויס פון שאדן'ס וועג, נוצנדיג בלויז ריסייקלד מאטעריאלן וועלכע האבן פארמינערט די קאסט און ווירקונג צו די אינווייראנמענט. פון יעצט און ווייטער, וועלן אלע סיגנאל הייזער זיין כאטש פיר פיס העכער די ערד שטאפל.

**ניו העיווען ליניע שנעלקייט פארבעסערונגען**
די MTA האט פארענדיגט אינפראסטרוקטור אפגרעידס אויף די ניו העיווען ליניע, שאפנדיג נישט בלויז פארזיכערטע און פארלעסליכע סערוויס, אבער שנעלערע סערוויס אויך. שטאב האבן מאדערניזירט און פארבעסערט סיגנאל סיסטעמס, בשעת אינטעגרעיטעד נעטווארק און באן סטימולאציע געצייג האבן ערמעגליכט די רעילראוד צו פארבעסערן די ריוטינג פון באנען.

אלע ניו העיווען ליניע פיעק לויף צייטן זענען פארמינערט געווארן ביי כאטש איין מינוט מיט די שנעלסטע לויף צייט פון ניו העיווען צו GCT אראפ צו 90 מינוט.

**טראנזיט צייט זיכערהייט**
מעטרא-נארט איז די פארזיכערסטע און פארלעסליכסטע וועג צו רייזן ארום די געגנט, מיט די באריכטעטע שעדיגונג ראטעס פאר סיי קאסטומערס און ארבעטער אראפגענידערט אין 2024.

די פאלגנדע ענליכקייטן זענען פאר קאלענדער יאר 2024, אין פארגלייך צו קאלענדער יאר 2023:

באריכטעטע קאסטומער שעדיגונג ראטע - פער מיליאן קאסטומערס: אראפ 31.5 פראצענט פון 2.00 ביז 1.37.
באריכטעטע ארבעטער פארלוירענע צייט שעדיגונג ראטע - פער 200,000 ארבעט שעות: אראפ 17 פראצענט פון 1.94 ביז 1.61.

די ארבעטער זיכערהייט קולטור אויספרעג האט ערמעגליכט דעם אגענטור צו ערהאלטן קאמענטארן פון ארבעטער פירנדיג צו די איינפיר פון מאנאטליכע ארבעטער איינשליסונג טעג (Monthly Employee Engagement Days) וואו אויפזעער גייען ארויס אין פעלד צו שמועסן מיט ארבעטער, עפענענדיג ווייטערדיגע ליניעס פון פארבינדונג. די רעילראוד טוט פארזעצן צו פארשטערקערן איר שותפות מיט איר לעיבאר יוניאנס און ערמוטיגט אנטיילנעמונג אין די קלאוס קאל באריכטונג סיסטעם (Close Call Reporting System, C3RS).

**איבער MTA מעטרא-נארט רעילראוד**
MTA מעטרא-נארט רעילראוד שטעלט צו 700 באנען פער מיטל-וואך ארבעט טעג ביי 124 סטאנציעס אין די האדסאן וועלי, ניו יארק סיטי און סאוט-וועסט קאנעטיקוט, אפערירנדיג מיט צייטליכע אנפירונג איבער 98 פראצענט אין 2024 און פולע-יאר רייזערשאפט וועלכע איז געווען 12.5 פראצענט העכער ווי די רייזערשאפט רעקארדירט אין 2023.

אין נאוועמבער 2024, האט מעטרא-נארט געהאט איינס פון זייערע שטערקסטע מאנאטן אויף רעקארד מיט א סך הכל פון 5.7 מיליאן רייזנדע — א וואוקס פון 4.8 פראצענט פון נאוועמבער 2023. אויך אין נאוועמבער 2024, האט מעטרא-נארט רעקארדירט די בעסטע יאר פון צייטליכע אנפירונג אין די רעילראוד'ס היסטאריע, אריינקומענדיג 98.3 פראצענט לענגאויס דעם סיסטעם, אין די צייט וואס צייטליכע אנפירונג פאר נאוועמבער 2023 איז געווען 97.9 פראצענט. מעטרא-נארט'ס סערוויס-צוגעשטעלטע ראטע — א מאס פון סערוויס פארלעסליכקייט — פאר אקטאבער 2024 איז געווען 99.9 פראצענט. די רעילראוד'ס דורכשניטליכע מיטן-וואכעדיגע רייזערשאפט פון 200,087 אין נאוועמבער 2024 איז 81.4 פראצענט פון פאר-COVID שטאפלען און נאוועמבער 2019, אפשפיגלנדיג די שטארקע צוריק-צו-די-ארבעט רייזערשאפט — מיט דורכשניטליכע מיטן-וואכעדיג רייזערשאפט פון 122,6637 [sic], וועלכע איז 94.2 פראצענט פון פאר-COVID שטאפלען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן